בס"ד

# דברי תורה מרבינו
# ראש הישיבה מגוד שליט"א

## איבער געטייטשט אויף אידיש

פרשת בלק מאמר ג' תשפ"ב

יו"ל פר' בלק תשפ"ג



## נתנדב לזכר נשמת
## רבינו הפני מנחם זי"ע

**לתרומות נא לפנות למכון**

**כמו"כ ניתן לפנות אלינו לקבלת הגליונות מדי שבוע במייל**

### "גחלי אש"
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבינו **ראש הישיבה מגור** שליט"א
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 7 לאידיש
באר"י - 0772277277 שלוחה 7 לאידיש
אנגליה - 03303900476

### "בם חייתני"
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבותינו הק' זי"ע ומרבני הקהילה
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 8
באר"י - 037680292
אנגליה - 03303900476 שלוחה 8

**© כל הזכויות שמורות**
**יוצא לאור ע"י מכון "קול מנחם"**
**מכון להפצת שיעורים ודרשות לשמו ולזכרו**
**של רבינו ה"פני מנחם" זי"ע**
kolmenachem12@gmail.com

**דער** בעל הטורים ברענגט אראפּ א מסורה, אז ס'שטייט צוויי מאהל אין תנ"ך דאס ווארט 'וְכֻלּוֹ', איינמאהל אין אונזער פרשה (בלק כג, יג) 'אפס קצהו תראה וְכֻלּוֹ לא תראה', און דער אנדערע מאהל שטייט באר'ן שבח פונעם רבונו של עולם - א פסוק אין שיר השירים (ה, טז) 'חִכּוֹ ממתקים וְכֻלּוֹ מחמדים', און ער טייטשט דאס לדרכו.

**און** מ'קען טייטשען די שייכות צווישען ביידע פסוקים, ווייל דער שטייגער פונעם מקטרג איז צו זיין אויף די אידישע קינדער און צו זיכען חטאים און עוונות, און אויפדעם האט בלק געזאגט (כג, יג) 'לך נא אתי אל מקום אחר אשר תראנו משם', אבער אין אמת'ן אריין זעהט ער נישט נאר 'אפס קצהו', דאס עק פונעם שטריק, און ער זעהט נישט דעם צווייטען זייט פונעם שטריק, אז אויך נאכ'ן זינדיגען האט יעדער מענטש דאס מעגליכקייט תשובה צו טוהן. און דאס איז אויך דער באדייט אינעם צווייטען פסוק פונעם מסורה 'חכו ממתקים וכלו מחמדים', אזוי וויא ס'ווערט ערקלערט אין מדרש (שהש"ר ו, א) 'כתיב (יחזקאל לג, יא) 'חי אני נאום ה' אלקים אם אחפוץ במות הרשע' וגו' - יש לך חיך גדול מתוק מזה, 'כי לא אחפוץ במות המת נאום ה' אלקים והשיבו וִחְיוּ' (שם יח, לב) - יש לך חיך גדול מתוק מזה, 'ובשוב רשע מרשעתו ויעש משפט וצדקה הוא את נפשו יְחַיֶּה' (שסח, כז) - יש לך חיך גדול מתוק מזה'. ד. ה. אז דער אייבערשטער וויל - רוצה וחפץ אז די זינדיגער זאלען תשובה טוהן, און 'אין לך חיך גדול מתוק מזה'.

**מיר** האבען שוין עטליכע מאהל דערמאנט דאס וואס שטייט אין קדמונים און אין ספה"ק אז ווען א איד זינדיגט קען מען בכלל נישט מקטרג זיין און דערמאנען די זינד אויבען אין הימל, משל למה הדבר דומה [ס'איז גלאט א משל - להבדיל אלף אלפי הבדלות, ווייל אין אמת'ן אריין איז דאס בכלל נישט קיין צו גלייך כלפי מעלה], אזוי וויא מיר זעען אינעם עולם הגשמי וויא אזוי מען פירט זיך פאר א מלך בשר ודם - אז מ'קען נישט אריין ברענגען אינעם פאלאץ פונעם קעניג א

זאך וואס האט א שלעכטע שמעק, און מען וועט דארט אויך נישט דערמאנ־ען מיט'ן מויל עפעס וואס מען עקילט זיך דערפון, אזוי איז דאס אויך אויבען אינעם היכל פון מלכו של עולם, יעדער עבירה האט א סרחון און א שלעכטע ריח - אסאך מער פון א גשמיות'דיגע של־עכטע ריח, און ס'איז בכלל נישט שייך צו דערמאנען ביים רבונו של עולם א זינד, נאר וואס דען, ווען א מענטש זי־נדיגט ח"ו, זאגט מען אויף איהם אויב־ען אין הימל אז דורכדעם וואס יענער - פלוני האט געזינדיגט אין יענער און יענער זינד, איז נתחדש געווארען און ס'האט זיך געעפענט א נייע וועג פון תשובה. און דער דערמאנונג אויבען, דאס אליינט ערוועקט דעם זינדיגער תשובה צו טוהן, און דער בת קול וואס גייט ארויס יעדער טאג און רופט אויס און זאגט 'שובו בנים שובבים' (עי' זוה"ק נשא קכו.), קומט פון דעם דערמאנונג אז ס'איז נתחדש געווארען א נייע וועג פון תשובה, און דאס ערוועקט זיכער דעם זינדיגער ער זאל תשובה טוהן - ווייל דער 'בת קול' איז נגרם געווארען דורך זיינע מעשים. און אט זעהט דער מקט־רג נאר דעם חטא - אפס קצהו תראה, אבער 'וכלו' לא תראה - זעהט ער נישט, ער ווייסט נישט אז דורך דעם חטא האט זיך ערוועקט א נייע וועג פון תשובה וואס איז 'חכו ממתקים **וכולו** מחמדים', חיך גדול ומתוק אז דער אייבערשטער זיצט אוןווארט אז מ'זאל תשובה טוהן, און ער זאגט 'אם אחפוץ במות הרשע כי אם בשוב רשע מדרכו וחיה שובו שובו מדרכיכם הרעים' (יחזקאל לג, יא).

**און** ווען דער מענטש קערט זיך אום און טוהט תשובה, ענדיגט דארט צו דער מדרש 'תני רבי שמעון בן יוחאי הרי שהיה אדם רשע גמור כל ימיו ובסוף נעשה צדיק גמור, עליו הכתוב אומר (יח־זקאל לג, יב) 'ורשעת הרשע לא יכשל בה ביום שובו מרשעו' וגו', אמר רבי יוחנן ולא עוד אלא שכל עבירות שעשה הקב"ה מונה אותן לו זכות, הדא הוא דכתיב (תה־לים מה, ט) 'מור ואהלות קציעות כל בג־דותיך' - כל הבגידות שבגדת בי הרי הן כמור ואהלות לפני', אז אלע חטאים ווע־רען איבער געדרייט און ווערען בשמים וואס געבען ארויס א ריח טוב.

**שטייט** אין זוה"ק (ח"ג שד.: - השייך לפ־רשתן) אויפ'ן פסוק (ישעיה מג, ד) 'מֵאֲשֶׁר יָקַרְתָּ בעיני נִכְבַּדְתָּ ואני אֲהַבְתִּיךָ', אז

לכאורה וואלט געדארפען שטיין 'מאשר **אתה יקר** בעיני', וואס איז דאס וואס שטייט יָקַרְתָּ - וואס איז משמע אז ס'איז געווארען טייער פון זיך אליינט, טייטשט דער זוהר הקדוש אז ס'רעדט זיך ביי אזיין איינער וואס האט געזינדיגט וואס ער איז מזולזל און מתועב באר'ן אייבערשטען [און אזוי וואו ס'איז דער לשון פונעם **רמב"ם** (פ"ז מהל' תשובה ה"ו) 'אמש היה זה שנאוי לפני המקום משוקץ ומרוחק ותועבה'], אבער ווען ער רעכנט זיך איבער און ער קערט אום פון זיינע זינד '**השתא איהו אתייקר מגרמיה**' - ער האט זיך אליין טייער געמאכט, ווייל מיט דעם וואס ער האט תשובה געטוהן, האט ער געהעכרט דעם פרייז פון זיך און זיך טייער געמאכט, און דעמאלט רופט דער אייבערשטער אויס אויף איהם 'מאשר יקרת בעיני נכבדת ואני אהבתיך' - 'דהא לית רחימו לקודשא בריך הוא בהדי בר נש בהאי עלמא אלא במאן דתב מחוביה', ס'איז נישט שייך קיין אהבה וואס דער אייבערשטער האט ליעב א מענטש, אזוי וויא דער אהבה וואס דער אייבערשטער האט ליעב דער וואס קערט זיך אום אויף זיינע זינד און טוהט תשובה [און אזוי וואו ס'איז דער לשון פונעם **רמב"ם** (שם) 'והיום הוא אהוב ונחמד קרוב וידיד']. און אזוי וואו ס'האט געזאגט **הרה"ק רבי דוד מלעלוב זי"ע** פאר א זינדיגער וואס ער האט איהם געוואלט ערוועקען ער זאל תשובה טוהן, אז ווען ער וועט תשובה טוהן וועט ער גורם זיין פאר'ן אייבערש־טען א נחת רוח, און ער וועט ערוועקען אזיין סארט אהבה - וואס ס'איז נישט דא קיין ליעבשאפט וואס איז ענדליך צו די אהבה.

**וואו** ווייט מיר זענען דערווייטערט גע־ווארען, און וואו ווייט מיר זענען איינ־געזינקען אין די וועלט, פונדעסטוועגען אין יעדער צושטאנד וואס ס'זאל נאר נישט זיין, האבען מיר דאס מעגליכ־קייט תשובה צו טוהן און ערוועקען דעם אהבה, ווייל דער אויבערשטערווארט - מצפה ומחכה פאר אונזער תשובה, וכי יש לך חיך גדול ומתוק מזה, און אין הימל וויל מען אונזער תשובה.

**דער** אייבערשטער זאל העלפען מיר זאל'ן זוכה זיין באמת אנצוהייבען צו מטהר זיין אונזער הארץ לקראת די זמני תשובה הממשמשים ובאים.